בס"ד

שנה ד'
נומער קמ"ז
**פרשת לך לך**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל

**נייעס:**

## נייע ספרים סטאר עפענט זיך אין שטעטל

**א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א:**

## נעבעך ס'דרוקט אים די חובות פון חתונה מאכן די קינדער

**בילדער ארכיוון:**

## צווייטע יאר ישיבה - שנת תש"ע



# ישיבה תפארת התורה - היכל הקודש ברסלב טרעט אריין אינעם פופצענטן יאר.

דער ראש ישיבה ביים געבן א שיעור אין ישיבה די צווייטע יאר פון ישיבה - שנת תש"ע



**הערליכע פרוכת לעילו נשמת מוהרא"ש זי"ע ארויפגעלייגט אין היכל הקודש ירושלים**

# קרית ברסלב בלעטל



**צום פינטל**
דער פאסטן דער שוטה

3



**שטעטל נייעס**
נייע ספרים געשעפטן עפנט זיך אין שטעטל

6



**שטעטל נייעס**
נייע קיאסק עפנט זיך אין שטעטל

7



**היכל הקודש נייעס**
אנ"ש פראווען סיום מסכת כתובות

8



**א סעודה ביים ר"**
הערליכע סעודה ביים ראש ישיבה

16



**בילדער ארכיוון**
בילדער פון די צווייטע יאר ישיבה

25


רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty

פרשת לך לך י"א חשון תשפ"ג

הדלקת הנרות......... 05:31
מוצאי שבת ............ 07:00

מנחה מעריב וירא ... 05:40

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה שרגא פייבל שטראססער הי"ו**

**וזוגתו מלכה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה

**מו"ה אהרן יצחק אפעלדארפער הי"ו**

**וזוגתו דבורה שיינדל תחי'**

**צו די אפשערן פון זייער אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 04 | 62°/45° | | Partly Cloudy |
| Sat 05 | 66°/48° | | Mostly Cloudy |
| Sun 06 | 64°/51° | | Showers |
| Mon 07 | 64°/48° | | Showers |
| Tue 08 | 59°/42° | | AM Showers |
| Wed 09 | 50°/37° | | Partly Cloudy |
| Thu 10 | 50°/34° | | AM Showers |
| Fri 11 | 48°/31° | | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אלץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן קכ"א

# צום פינטל.

## דער פאסטון דער שוטה.

הושיעה... את... עמך...

נח בויעט א תיבה א תיבה א תיבה...

די פארמישסט מיך! הושיעה... את... עמך... וברך...

מענטשן זענען שלעכט געווען, שלעכט געווען,

דו האלטס מיר אין איין פארמישן, איך וויל אפציילן וויפיל פליגן עס איז דא

הע! פליגן מעג מען ציילן, איינס, צוויי, דריי,

אבער איך מיין אז עס איז דא אין קלאס די זעלבע סאך פליגן ווי עס איז געווען אין די תיבה,

ווער קלאפט דארט?

שששששששש

קינדער! עס איז א נייע יאר, איך מיין אז נישט יעדער ווייסט אז עס איז א הלכה אין שלחן ערוך אז ווען דער רבי קומט אריין דארף מען זיך אויפשטעלן.

זייער שיין, אזוי, אויך ווען דער טאטע אדער די מאמע קומען אריין אין שטוב דארף מען זיך אויפשטעלן.

יעדער נעמט ארויס די חומש, מיר גייען איבער'חזר'ן די ערשטע פסוקים.

אלה די זענען

אלה די זענען

תולדות נח די קינדער פון נח

תולדות נח די קינדער פון נח

נח נח איז געווען

נח נח איז געווען...

נאר ווער עס ווייסט זאל אויפהייבן די הענט, ווער ווייסט פארוואס נח האט געבויט די תיבה הונדערט און צוואנציג יאר?

וואוו! איך האב הנאה, עטס האטס גוט אויסגעהערט, יעדער האט אויפגעהויבן די הענט, א נחת, שכוח אייבערשטער אז מיר האבן אזא וואוילע קלאס.

נו! יוסעלע זאג די ענטפער.

ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ער זאל זאגן פאר די אלע מענטשן אז זיי זאלן תשובה טון.

יא! גוט געענטפערט! הונדערט און צוואנציג יאר האט נח געבויט די תיבה אז מענטשן זאלן תשובה טון, אבער עס האט גארנישט געהאלפן, די מענטשן האבן נישט תשובה געטון.

נח האט געלעבט - ווי לאנג האט נח געלעבט פאר די מבול - ווער ווייסט?

זייער גוט זעקס הונדערט יאר. עטץ ווייסטס וויפיל מענטשן נח האט געקענט? שטעל דיך פאר א מענטש לעבט זעקס הונדערט יאר ער האט זיכער געקענט א מיליאן מענטשן ווי לאנג ער האט געלעבט.

יא נחמן נתן וואס ווילסטו פרעגן?

רבי ווי אזוי האט נח געפילט ווען די מבול האט זיך געענדיגט, עס איז זייער אינטערעסאנט, ווען ער איז אריין האט ער געזען בילדינגס, חיות, אלע מענטשן וואס ער האט געקענט, און יעצט ווען ער איז ארויסגעקומען איז געווען א ליידיגע וועלט, ער האט מן הסתם געפילט שרעקליך.

יא! זייער א שטארקע נקודה האט נתן'לע ארויסגעברענגט, עטס הערטס קינדער, נתן'לע זאגט אז נח האט מן הסתם געפילט שרעקליך, א יאר צוריק איז ער געווען אין א וועלט פול מיט מענטשן און יעצט קומט ער ארויס אלעס איז ליידיג, עס איז נאר דא ער אליין אין די גאנצע וועלט.

ווייסט ווער עס האט שוין אנגעמערקט די זאך, דער הייליגער רבן שמעון בר יוחאי, רבי שמעון בר יוחאי זאגט אינעם הייליגן זוהר, ווען נח איז ארויסגעקומען פון די תיבה האט ער ארומגעקוקט און ער האט



געזען א ליידיגע וועלט, ער האט געזוכט זיין שטאט, זיין הויז, ער האט געזוכט אלע מענטשן וואס ער האט געקענט פון א יאר פריער אבער עס איז געווען ליידיג קיינער איז נישט געווען, ער האט געפילט אזוי צובראכן, ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין, און ער האט געזאגט פארן אייבערשטן "דו ביסט דאך א רחמנות'דיגער באשעפער פארוואס האסטו דאס געטון פארוואס האסטו חרוב געמאכט די גאנצע וועלט?" ער האט זיך נישט געקענט בארואיגן.

ווייסט וואס דער אייבערשטער האט אים געענפערט: "דו ביסט א פאסטוך א שוטה! יעצט וויינסטו? יעצט בעטסטו? יעצט איז שוין דערנאך! די וואלסט געדארפט בעטן פאר די מבול, איך האב דיר געגעבן הונדערט און צוואנציג יאר, דו האסט געוויסט אז עס קומט א מבול פארוואס האסטו נישט געבעטן אז עס זאל נישט קומען קיין מבול.

אה! איך האב הנאה איך זע הענט אין די הייעך, יעדער וויל עפעס פרעגן, איך זע נאכנישט אלע הענט, אה זייער פיין עטס טראכטסט זייער גוט, לאמיך זען וועם איך גיי אויפרופן צו פרעגן די קשיא.

טובי'! נו לאמיר הערן.

"איך פארשטיי נישט, נח האט הונדערט און צוואנציג יאר שווער געארבעט צו מאכן די תיבה, ער האט מוסר געזאגט פאר די מענטשן זיי זאלן תשובה טון, פארוואס רופט מען אים אן א שוטה, ער האט זייער גוט געטון זיין ארבעט, ער האט מעורר געווען די מענטשן תשובה צו טון, פארוואס האט מען טענות אויף אים אז יעצט וויינט ער, ער האט געוויינט פאר דעם הונדערט אין צוואנציג יאר".

טוביה, זייער קלאר ארויסגעברענגט, אלע קינדער האבן געהאט די זעלבע קשיא?

יא!

אה! א מחיה! קלוגע קינדערלעך וואוילע קינדערלעך וואס ברענגען אידיש נחת...

איך גיי ענק זאגן די תירוץ, די תרוץ איז זייער פשוט, נח האט אנגעהויבן בויען די תיבה, און מענטשן האבן אים געפרעגט וואס איז די נייע געביידע, ער האט אנגעהויבן זאגן מוסר, ער האט זיי פארגעהאלטן, ער האט זיי געזאגט אז עס קומט א מבול, די מענטשן פון דור המבול זענען אבער געווען אזוי צוגעוואוינט צו שלעכטע זאכן אז עס איז זיי נישט אריין אין קאפ, פונקט פארקערט זיי האבן נאר אנגעהויבן פיינט צו האבן נח אז ער האלט זיי און איין זאגן מוסר, נח האט געמיינט אז דער אייבערשטער וויל ער זאל בויען די תיבה אזוי לאנג כדי ער זאל האבן גענוג צייט צו זאגן נאך און נאך מוסר פאר די מענטשן, אבער ווען עס איז אריבער די מבול און ער האט געזען איך האב געארבעט אזוי שווער איך האב אלעס געטון אז די מענטשן זאלן בעסער ווערן אבער עס איז געווארן פונקט פארקערט, יעמט ווען די מבול האט זיך געענדיגט האט אים עס זייער ווי געטון, פארוואס האב איך נישט מצליח געווען, פארוואס האב איך נישט געקענט פועלן ביי די מענטשן אז זיי זאלן זיך צוריקקערן צום אייבערשטן,

עטס ווייסט וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט? "דו נארישער פאסטוך, איך האב דיר געבעטן דו זאלסט מוסר זאגן? עס איז א שווערע זאך צו זאגן מוסר, מענטשן זענען נישט גרייט צו הערן, און מענטשן טוישן זיך נישט, אפילו מען זאגט מוסר, אפילו די ווארענסט "געוואלד! עס קומט א מבול" עס איז ארויסגעווארפן צייט", דער אייבערשטער האט געזאגט פאר נח: "דו וואלטסט געדארפט בעטן פאר זיי, אוי! אזא רחמנות! אוי רבונו של עולם, געב די מענטשן שכל, העלף די מענטשן, ברענג אין זיי אריין א רוח טהרה זיי זאלן טרעפן א וועג ווי אזוי ארויסצוגיין פון זייערע שלעכטע געוואויהייטן".

קינדער עס איז זייער דראמאטיש!

עס איז געווען פונקט אזוי ווי היינטיגע צייטן, מענטשן זענען געווען זייער צוגעקלעבט צו זייערע שלעכטע זאכן, און אזוי ווי מען זעט היינט אז מוסר העלפט נישט, אפילו יעדער שרייט, עס קומט א חורבן עס גייט זיין שרעקליך אויב מען גייט נישט תשובה טון.

קינדער איך ווילן אז ענק זאלן גוט וויסן די זאך, יעדער מענטש וואס טוט שלעכטס, ווייסט אז ער טוט שלעכטס, ער דארף נישט דיין מוסר, דיין מוסר מאכט נאר יענעם מער צובראכן, דיין מוסר מאכט נאר אז ער זאל ווערן ערגער.

א מענטש וואס געבט מוסר פאר א מענטש וואס איז אריינגעפאלן אין עבירות איז א פשוטער שוטה.

וואס יא, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן דעם לימוד וואס דער רבי לערנט מיט אונז, ווער עס לערנט אסאך עצתו אמונה, ווער עס הערט אסאך די שיעורים פונעם ראש ישיבה אזא איינער האט א עצה, די עצה איז בעטן דעם אייבערשטן, נישט ווארטן נאך די מבול, נישט ווארטן נאך עס וועט שוין זיין א צרה, נאר בעטן דעם אייבערשטן און מלמד זכות זיין אויף מענטשן, זאגן פארן אייבערשטן: "אידישע קינדער זענען וואויל, עס איז אבער אזוי שווער צו זיין ערליך, זיי מיינען נישט קיין שלעכטס, געב זיי א עצה ווי אזוי ארויסצוקריכן פון זייערע עקלדיגע שלעכטע זאכן".

און דאס איז וואס מיר לערנען זיך פון נח, נח האט הונדערט און צוואנציג יאר געהאלטן דרשות, גערעדט, זיך גערעגט, און זיך אפגעשיידט פון אלע שלעכטע

מענטשן, ער האט געקוקט אויף די אלע מענטשן מיט א קרום אויג, שלעכטע רשעים, וואלט ער ווען געהאט די עצות פון די הייליגע רבי, וואלט ער געבעטן די אלע יארן "אייבערשטער מאך אז די מענטשן זאלן תשובה טון, ברענג נישט קיין מבול, העלף זיי, זיי זענען נעבעך אומשולדיג, זיי ווייסן נישט ווי אזוי ארויסצוגיין".

נאכדעם וואלט ער שוין געקענט זאגן מוסר, א מוסר וואס קומט פון א צדיק וואס קוקט מיט רחמנות אויף מענטשן אזא מוסר קען מען אננעמען, דער מענטש פילט אז דו האסט אים נישט פיינט דער מענטש פילט אז דו ווילסט אים העלפן, דער מענטש פילט אז דו פארשטייסט אים, פון אזא מענטש איז מען גרייט צו הערן מוסר.

***

מען מוז פאר קינדער אויך אמאל לערנען דאס וואס דער רבי לערנט אונז, איך זע עס שמעקט דיר נישט די חינוך דא, וואס דארף מען לערנען די זאכן מיט קליינע קינדער, אדרבה נעם דו איבער די קלאס, ביי אונז האט מען יא גערעדט פון די זאכן, קינדער זענען זייער גוטע מבינים, זיי האבן גאר קלוגע קעפ זיי ווייסן פונקטליך.

מען זעט א אינטערעסאנטע זאך, סיי ביי די קינדער, בחורים און אויך ביי די מיידלעך, די יונגערע כאפן עס נישט אזוי שטארק - בעסער געזאגט זיי רעדן נישט אזוי שטארק דערפון - אבער די עלטערע קינדער פרעגן אסאך מאל: "ווי אזוי קען זיין אז איך בין געווען אין א אנדערע ישיבה איך בין געווען אין א אנדערע סקול, אין ווי מער איך האב געהערט מוסר אלס מער האט איך פיינט באקומען אידישקייט", מיידלעך בפרט וואס קומען פון אנדערע שולעס פרעגן: "ווי אזוי קען זיין אז יעדע מאל די 'רוחניות לעידי' איז געקומען באקוקן מיין בלוזקע און מיין שעסל אויב עס איז אויסגעהאלטן, יעדע מאל די לערערין האט גערעדט אז די ארבל מוז פארדעקן די געלענק, יעדעס מאל האב איך אפגעמאכט אז איך גיי אראפ א שטאפל אין צניעות, און ווי אזוי קען זיין אז זייט איך בין געקומען אין היכל הקודש אפילו אז דער ראש ישיבה זאל שרייען און מיך פארשעמען, יעדעס מאל ווער איך בעסער אין צניעות?"

דאס זעלבע איז ביי די בחורים, מען הערט די בחורים טענה'ן: "ווי אזוי קען זיין אז ווען איך האב געלערנט אין מיין אלטע ישיבה און דער מגיד שיעור האט גערעדט וועגן די אלע סארט כלים מכלים שונים האב איך אפגעמאכט איך גיי קויפן די נעקסטע ווערסיע פון געלעקסי, אדער אייפאוין, פארוואס יעדעס מאל ווען עס איז געקומען א בעל דרשן און גערעדט וואספארא פינסטערע דור עס איז און ווי מען דארף אכטונג געבן מען זאל נישט האבן קיין שום שייכות מיט די אלע זאכן (וועלכע זאכן), צו ווען איך האב געזען די שיינע צעטלעך אין שול אז עס קומט א מבול און ווער עס וועט האבן די אלע גע'אסר'טע כלים נו נו, דאס אלעס האט מיר געגעבן די שטופ איך זאל דווקא קויפן די נייעסטע און טייערסטע עפל אייפעד אייפאד, בשעת ווען דער ראש ישיבה - וואס יעדער ווייסט ער ניצט פיל א שארפערע טאן בנוגע די אלע זאכן און עס פועלט צוביסלעך אויף מיר?

דאס וואס מיר האבן דא גערעדט צו די קינדער דאס איז דער ענטפער, דער ראש ישיבה און זיינע תלמידים קוקן אויף מיר מיט א רחמנות בליק אוי! נעבעך! ער איז נישט געזונט, ער האט א צובראכענע פיס, איך קען אים הייסן לויפן? ער דארף האבן שטעקענעס, מען דארף בעטן פאר אים, ער דארף א רפואה, אזעלכע ווערטער זענען שוין גאר אנדערע ווערטער אזעלכע ווערטער ווערן אויסגעהערט און אויסגעפירט.

לאמיר נישט זיין ווי נח און וויינען אויף אויסגעגאסענע מילך, לאמיר נישט זיין די נארישע פאסטוך וואס ווייסט אז יענער דארף זיך פארעכטן, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א תיבה ווי זיך צו באהאלטן פון די שרעקליכע מבול היינטיגע צייטן.

לאמיר א קרעכץ טון צו אונזערע טאטען אין הימל לאמיר בעטן א געבעטעלע: "טאטע, אידישע קינדער זענען וואויל, זיי זענען 'נישט' קיין שקצים, עס איז נישט קיין פינסטערע דור, מיר האבן פשוט נישט די ריכטיגע פאסטוכער צו פאשען די אידישע קינדער, צו קוקן גוט אויף זיי, צו בעטן דעם אייבערשטן פאר זיי".

ווען דו טראכטס: זעהסט אים דארט דעם שגצ'ל מיטן גרויסן טעלעפאאן, עס קומט אריין די נארישע געדאנקען: אים דארף מען געבן אפאר גוטע פעטש, זעט אויס אז ער האט נישט געהאט קיין מוסר זאגער וואס זאל אים שטעלן אין פלאץ.

זעסט דארט די שיקסעלע, קוק ווי אזוי זי גייט נעבעך זי איז מכשיל אלע מענטשן אויפן גאס, זעט אויס אז זי האט נאכנישט געהערט קיין מוסר.

ניין! שעפעלע זיי נישט קיין שוטה, דער שטיקל פלייש וואס ליגט אויף דיינע פלייצעס האט דער אייבערשטער באשאפן כדי דו זאלסט קענען טראכטן, טראכט! טראכט נארמאל! און קוק אויף זיי ווי זיי האבן א צובראכענע פיס, און מאך א תפילה: אוי א רחמנות אוי טאטע אין הימל געב אונז כוחות פאר אונזערע נסיונות, הייל אים\איר אויס געב זיי שכל, באשעפער העלף עס זאל אנקומען די ריכטיגע קארטל, גליון, בלעטל, נומער, ספר, סידי, וואס זאל זיי העלפן זיך צוריקקערן צו דיר

# שטעטל נייעס

## נייע ספרים געשעפט אין שטעטל עפענט זיך אין די נאנטע טעג



געלויבט דעם אייבערשטן די אקטיוויטעטן אין שטעטל שלאפט נישט איין, יעדן טאג וואס גייט אדורך שווימט ארויף נאך נייע געשעפטן, הייזער, בנינים פאר די מוסדות און אזוי ווייטער.

יעצט איז געקומען די רייע פאר די נייע נייע ספרים געשעפט אין שטעטל, ברוך השם אז דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס צו לערנען יעדן טאג די שיעורים כסדרן, אנגעהויבן פון חומש, משניות, גמרא, און שפעטער איז דא נאך שיעורים ווי למשל מדרשים, זוהר, תיקוני זוהר, דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, אלע חסידישע ספרים און נאך, וואס דאס אלעס האט דער הייליגער רבי אונז געזאגט אז עס איז גוט אדורך צו גיין במשך דעם לעבן, כדי דאס צו קענען באווייזן אדורך צו לערנען האט זיך גאר וויכטיג אויסגעפעלט א ספרים געשעפט אין שטעטל, ווייל עס איז נישט גרינג יעדן מאל ווען מען דארף א נייע ספר זיך צו דארפן שלעפן אריין אין שטאט, אדער דארפן בעטן פון איינעם א טובה ער זאל גיין צו א ספרים געשעפט און קויפן דעם ספר.

צוליב דעם איז א געוואלדיגע שמחה צו הערן די פריילעכע בשורה אז האברך לייבי ראטה הי"ו עפענט אויף א שיינעם ספרים געשעפט אינטער זיין דירה אויף די טווין ברידזש גאס, וואס גייט זיין אהערגעשטעלט גאר שיין מיט א פולע אויסוואל פון אלע ספרים וואס מען קען דארפן. אדרבה איבערצייגט אייך אליין קומט אריבער צום נייעם געשעפט און קויפט איין אלעס וואס איר דארפט.

## קרית ברסלב איינוואוינער ווייזן ארויס הכרת הטוב פאר סענאטאר טשאק שומער




אין די יעצטיגע טעג זענען די איינוואוינער פון שטעטל ארויסגעקומען שטימען פאר די אלע קאנדידאטן וואס איז ארויסגעשטעלט געווארן דורך די געטרייע הנהלה, וואס ווייסן פאר וועם עס איז ריכטיג צו שטימען אין די יעצטיגע נאוועמבער וואלן פאר די טובה פון די שטעטל.

איינס פון די קאנדידאטן וואס די הנהלה האט ארויסגעשטעלט איז סענעטער טשאק שומער, דא איז טאקע די פלאץ צו דערמאנען די מעשה וואס מיר האבן מיטגעלעבט פאר צוויי יאר צוריק, ווען עס האט זיך ארומגעדרייט די קאראנא ווירוס אין די וועלט און אלע שטאטישע אפיסעס זענען געווען אפגעשפארט, אזוי אויך זענען די לענדער ארום די וועלט געווען אפגעשפארט איינער מער איינער ווייניגער, אבער אנשי שלומינו האבן געמאכט אלע פלענער צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, מען האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, ווי אויך האט מען זיך אנגעגרייט בגוף ובממון צו דעם גרויסן נסיעה.

איינס פון די שוועריקייטן וואס האט זיך געמאכט דעמאלטס איז געווען בי די וואס האבן געדארפט באקומען א נייעם פאספארט, אבער די אפיסעס זענען געווען כמעט אינגאנצן אפגעשפארט. דא האט זיך סענאטאר טשאק שומער ארויסגעשטעלט ווי א העלד און צוגעשטעלט פאספארטן פאר אלע וואס האבן דאס שנעל געדארפט האבן, דער ראש ישיבה לערנט שטענדיג מיט אונז די שיינקייט פון די מדת הכרת הטוב, וואס מיט דעם ווייזט זיך ארויס די מידות פון א איד, און דא איז טאקע די פלאץ צו ארויסווייזן די הכרת הטוב פאר טשאק שומער און ארויסקומען שטימען פאר אים.

<<<<

## נייע לאקאל פונעם קיאסק עפענט זיך אין די טעג בשעה טובה



נאך א לאנגע צייט פון זוכן א גוט פלאץ פאר די קיאסק, און דערנאך עס שיין אהערשטעלן אויפן שענסטן פארנעם וואס קען נאר זיין, פרייען מיר זיך צו הערן די גוטע בשורה אז עס גייט זיך שוין עפענען פאר די פאבליק צו די צופרידענהייט פון אלע תושבי קרית ברסלב.

פון די ערשטע זאכן פון ווען מען האט געעפענט די שטעטל האט דער ראש ישיבה גאר שטארק געוואלט עס זאל זיין א קיאסק אין שטעטל, כדי אינגעלייט זאלן נישט דארפן האבן א קאמפיוטער אינדערהיים, די שטוב זאל קענען בלייבן זויבער.

אנהייב איז די קיאסק געווען ביי די מיידל קעמפ, שפעטער האט זיך עס אריבער געצויגן דארט ווי עס היינט די בית המדרש אשר בנחל אויף די דענמאן גאס, שפעטער ווען דארט איז געווארן די בית המדרש האט מען זיך געצויגן צום שטוב פון האברך שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, וואס האט מיט די גאנצע הארץ און באקומען באצאלט - אוועקגעגעבן א חלק פון זיין דירה פארן קיאסק, זאל אים דער אייבערשטער באצאלן מיט אלעס גוטס פארן טון אזא געוואלדיגע זאך.

ברוך השם אז יעצט וועט זיך עס עפענען ביים בנין וואס איז געווארן אפגעקויפט דורך די הנהלה, א בנין ספעציעל פאר די געברויך פון די קהילה, ווי למשל א קיאסק, די באזאר, און נאך זאכן וואס וועט דארט זיין בקרוב מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

יעצט ווען עס גייט אריבער צו א הערליכער נייע שיינעם לאקאל, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען זאל טוישן די נאמען צו עפעס א שענער נאמען, פון היינט און ווייטער וועט עס הייסן די "לאונטש" אין ענגליש איז עס Lounge.

דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר האברך מרדכי היימליך הי"ו וואס דער ראש ישיבה האט געשטעלט צו זען אז די "לאונטש" זאל זיין אהערגעשטעלט מיט אלע צוגעהערן וואס פעלט זיך נאר אויס, אנגעהויבן פון די קאנסטראקציע ארבעט ביזן אהערשטעלן אלע קאמפיוטערס און פרינטערס און אזוי ווייטער, ער טוט דאס מיטן גאנצן הארץ און נשמה, זאל אים דער אייבערשטער באצאלן מיט אלעס גוטן.

מיר ברענגען דא אראפ א בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן פאר ר' מרדכי נרו יאיר, וואס ברענגט ארויס ווי שטארק דער ראש ישיבה דארף דעם קיאסק אין שטעטל אהערגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין: *אפשר דאך קענסטו מיר העלפן? איך וויל אזוי שטארק אז דא אין שטעטל זאלן די אינגעלייט זיין ריין און זויבער, זיי זאלן נישט האבן אין שטוב קיין שום כלים. גלייך ווען מיר האבן אנגעהויבן רעדן פון בויען די שטעטל, פון די ערשטע זאכן האב איך געבעטן די הנהלה אז איך דארף א קיאסק, איך וויל נישט אינגעלייט זאלן אריינברענגען אין שטוב קיינע כלים.*

*מיר האלטן יעצט דריי יאר פונעם שטעטל און עס איז גארנישט דא. איך בעט דיר, העלף מיר, וואס האב איך פון די שטעטל, וואס דארף איך א שטעטל? איך וויל דאך נאר דאס, אז מען זאל לעבן דא בקדושה ובטהרה. יעדן צווייטן טאג הער איך אז נאך און נאך קויפן זיך טעלעפאונס, טעבלעט, ווייל זיי האבן נישט קיין וועג ווי אזוי צו לעבן; זיי צאלן געלט, מען דארף קענען צאלן אימעילס, מען דארף קענען צאלן די באנק וכו' וכו'; אפשר דאך קענסטו זיין דער גוטער שליח.*

*געדענק וואס איך זאג דיר, די אלע וואס פירן זיך בתמימות, זיי פאלגן צדיקים, פאלגן ערליכע אידן, נעמען נישט אריין אין שטוב קיין שום כלי וואס האט אינטערנעט - די וועלן בלייבן מיט ערליכע דורות, און די אויבער חכמים וואס מאכן חוזק פון די ווערטער פון צדיקים און האלטן זיך קלוגער, ווער ווייסט וואס וועט זיין מיט די דורות הבאים...*

*אזוי איז געווען מיט צעכציג יאר צוריק, די הייליגע צדיקים האבן געשטורעמט א וועלט מען זאל נישט האבן אין שטוב קיין טעלעוויזשן מיט ראדיאו, די וואס האבן געפאלגט - די האבן אייניקלעך און איר אייניקלעך נאמנים לה', און די אידן וואס האבן געלאכט, זייערע אייניקלעך נעבעך צענען אויסגעמישט, השם ישמרינו.*

צו הערן מער א דעטאלע באריכט וואס עס גייט אלץ זיין אינעם "לאונטש" קען מער הערן א שמועס מיט ר' מרדכי נרו יאיר אויף קול ברסלב האטליין 212-444-9191 דערנאך 7 8 ביים שמועס מיט די ברסלב'ע ברודער פון פרשת נח.

# היכל הקודש
# נייעס

### אין די גאנצע וועלט

## אנשי שלומינו פראווען סיום מסכת כתובות והתחלת מסכת נדרים


קרעדיט: משה ראזענבערג

מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו לערנט פאר דעם דף גמרא איפן באס קיין אומאן

נאך כמעט דריי יאר זינט די גאנצע קהילה האט אנגעהויבן ש"ס אינאיינעם נאך דעם געהויבענעם סיום הש"ס, און נאך כמעט פיר חדשים וואס די גאנצע קהלה זקנים עם נערים האבן געלערנט א דף גמרא יעדן אייציגן טאג, קומט מען אין די טעג אן ברוך השם צו פייערן דעם סיום אויף דעם שיינעם לאנגן מסכת כתובות.

אז מען מאכט א חשבון, האט מען זינט דאן שוין זוכה געווען צו דורכלערנען די פופצן שיינע מסכת הש"ס ברכות, שבת, עירובין, פסחים, שקלים, ראש השנה, יומא, סוכה, ביצה, תענית, מגילה, מועד-קטן, חגיגה, יבמות און יעצט כתובות, וואס דאס אלעס איז בסך הכל איבער טויזנט בלאט.

אנשי שלומינו האבן געפייערט דעם גרויסן מאמענט יעדער ביי זיך אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער, וואס דערמיט האט מען אריינגעלייגט אין די קינדער א שמחה של מצוה און א ליבשאפט צו די תורה, ווען די קינדער זעען ווי די עלטערן זענען אזוי פריילך מיט די זכיה אז מען האט געענדיגט א מסכת. דער ראש ישיבה זאגט אז עס פעלט אפילו נישט אויס צו מאכן קיין גרויסע זאכן ביי א סיום, אפילו אויב מען קען פשוט לייגן אן אנדערן קאליר טישטוך אדער אפילו דעם שבת'דיגן טישטיך מאכט מען פריילך און די סיום גייט אריין אין דיביינער פון די קינדער.

ברוך השם אז אלע האבן מיטגעלערענט, אין די פיר חדשים זענען אנשי שלומינו געפארן קיין אומאן דורך די אלע וועגן און אומוועגן, מען איז דורך די פארנומענע סוכות טעג, אין די צייט וואס ווען דער שיינער מסכת, האט אונז באגלייט יעדן איינציגן טאג.

יעצט איז די צייט אז אלע זאל יעצט אנצוהייבן דעם קומענדיגן שיינעם מסכת נדרים, און נישט קיין חילוק צו מען האט מיטגעהאלטן דעם שיעור ביז יעצט צי נישט, צי מען פארשטייט יא, אדער נישט, זאל מען זאגן יעדן טאג דעם בלאט גמרא, און מיט דעם זוכה זיין צו א שמירה עליונה, ווי דער רבי זאגט אין סיפורי מעשיות "ווי לאנג דער דף איז אויף דיר מגין דארפסטו פון קיינעם קיין מורא האבן", דאס גייט ארויף אויף לערנען א בלאט גמרא יעדן טאג, וואס היט דעם מענטש.

### וויליאמסבורג

## איבער 300 אינטערוויוס אויף קול ברסלב ווערט אפגעצייכענט אין די טעג




אין די יעצטיגע טעג ווערט אפגעצייכענט דער דריי הונדערטסטער אינטערוויו אויפן טעלעפאן ליין "קול ברסלב" וואס איז מהנה צענדליגע טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט.

דער אינטערוויו אפטיילונג ווערט אנגעפירט און באגלייטן דורך מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו מלמד תשב"ר אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל וואס איז כסדר מהנה די צענדליגע טויזנטער צוהערער טאג טעגליך פון קול ברסלב מיט די כסדר'דיגע גאר אינהאלטספולע אינטערוויוס, נאכדעם וואס ער איז א גאנצן טאג אן איבערגעגעבענער

>>>>



מלמד און מנהל, פאר די טייערע צאן קדשים אינעם תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, לייגט ער אריין נאך די חדר גרויסע כוחות ארויפצוברענגען נייע באלערענדע אינטערוויוס וואס הייבן אויף די געמיטער און דערנענטערן אידישע קינדער צום אייבערשטן.

ווי ר' יואל פארציילט, איז דער ווינקל אויפן האטליין פון אינטערוויוס געבוירן געווארן דורך א זאך וואס האט צו אונזערע אויגן געקענט אויסגעזען ווי א גרויסער דורכפאל. פאר עטליכע יאר צוריק איז געווען אפגעשמועסט צו אינטערוויוען עטליכע אנשי שלומינו פאר א פראיעקט וואס מו"ה ישראל סאמעט הי"ו האט געוואלט צושטעלן אויפצושפילן צום יארצייט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, און דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז צו א טייל פון די וואס האבן זיך געהאט צוגעגרייט איז מען נישט אנגעקומען, מיט די שמועסן וואס מען האט יא געהאט רעקארדירט האט מען ארויפגעלייגט אויף די האטליין, און פון דעם האט זיך אנגעהויבן דעם הערליכן אפטיילונג. דאס אלעס האט דער אייבערשטער אזוי צוגעפירט בהשגה פרטיות, און האט געעפענט די טיר צו דעם גאר געלונגענעם אפטיילונג וואס האט שוין מחזק און מקרב געווען טויזנטער אידן, ועוד ידם נטויה בסייעתא דשמיא.

דער "קול ברסלב" ליין באקומט אריין טעגליך צענדליגע טויזנטער רופער פון איבער די גאנצע וועלט וואס זוכן זיך אויפצופרישן און זיך מחי' זיין מיט די הייליגע ווערטער פון הייליגן רבי'ן אין די פילע געשמאקע אפטיילונגען, וואס בלאזט אריין א פרישע גייסט אנצוגיין אין לעבן, און זיך שטארקן אין אלע מצבים.

אנגעהויבן מיט די שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א וואס זענען א וועג ווייזער פאר פילע אידישע קינדער, וואס מאכן זיכער נישט אויסצולאזן קיין איין שיעור, וועלנדיג הערן ריכטיגע הדרכה אין לעבן, צו דינען דעם אייבערשטן און וויסן דעם ריכטיגן וועג ווי אזוי זיך אומצוגיין אין לעבן אין אונזער שווערע דור, און האבן א גליקליך לעבן ברוחניות און בגשמיות.

אויסערדעם ווילן מענטשן אויך מיטהאלטן וואס עס טוט זיך אין די קארידארן פון היכל הקודש, ווי אזוי זאכן גייען צו, ווי אזוי זאכן ווערן געמאכט, ווי אזוי מענטשן נעמען אויף די לימודים, ווי אזוי גייט דאס ארויס אויף דער וועלט, און אזוי ווייטער. און דער חלל צילט דער אינטערוויוס אפטיילונג צו ערפילן, וואו מען שטעלט צו אינטערוויוס מלא תוכן, וואו מ'הערט גאר אסאך אינטערעסאנטע אינפארמאציע אין פילע תחומים.

יעצט איז אפגעצייכנט געווארן א חשובער מאמענט, ווען די אינטערוויוס האבן אריבערגעשפרייזט דעם נומער דריי הונדערט אינטערוויוס וואו מ'קען הערן וואס טוט זיך פון הונטער די קוליסן אין אלע צענטערן פון היכל הקודש איבער די וועלט.

"קול ברסלב" האט לאקאלע טעלעפאן נומער אין כמעט אלע לענדער ווי אידן געפונען זיך איבער די גאנצע וועלט, און עס קומען כסדר צו נאך פרישע נומערן. די נומערן זענען ווי פאלגענד: אמעריקע (ניו יארק) 212-444-9191, אפסעטיט ניו יארק 845-351-0910, קאנאדא 438-300-8080, ענגלאנד 03303502361, ארץ ישראל 0797040066, בעלגיע (ניי!) 3235003461, ארגענטינע (ניי!) 1152354370

די אינטערוויוס קען מען טרעפן דורך דרוקן 1 פאר אידיש, 7 פאר פאמיליע ווינקל, און 5 פאר אינטערוויוס.

דאס איז אין צוגאב צו די פילע פארשידנארטיגע אינטערעסאנטע אפטיילונגען וואס איז דא אויף "קול ברסלב", צוגעפאסט פאר יעדן איינעם, יעדער זאל זיך קענען טרעפן זיין געשמאקע ווינקל מיט וואס זיך מחי' צו זיין, ווי למשל די לאנטש ברעיק שמועס פון ר' אהרן וועבערמאן הי"ו מיט ר' יעקב פיש הי"ו וואס האט זיך די לעצטע שטיק צייט פארברייטערט מיט גאר אינטערסאנטע ענינים וואס לוינט זיך אויסצוהערן, עס גייט ארויף יעדן מוצאי שבת, אויך איז דא גאר א שיינע אפטיילונג פון "לעובדא ולמעשה" שמועסן מיט גבאים און מתפללים פון אונזערע בתי מדרשים איבער די גאנצע וועלט.

אזוי אויך איז דא די וועכנטליכע איבערבליק מיט די ברסלב'ע ברודער ר' יואל וועבערמאן נרו יאיר און ר' אברהם הערש וועבערמאן נרו יאיר וואס גייען צוזאמען איבער די וואך אלע נייעס וואס האט פאסירט אין היכל הקודש און איבער די וועלט. אזוי אויך קומען כסדר צו נאך נייע פרישע אפטיילונגען מיט גאר באלערנדע אינטערוויוס, אפהאנדלונגען, שיעורים, ניגונים, נוסחאות און נאך.אדרבה איבערצייגט אייך אליין און הערט אויס אלע שיינע דרשות, שמועסן, מעשיות און נאך.

מען ארבעט שווער צו פארבעסערן און פארשענערן די האטליין אויף גאר א רייכע פארנעם, איינס פון די פרישע אפדעיטס איז שוין יעצט דא, דאס איז ביי די אפדעיטס פונעם טאג למשל ווען מען דרוקט 0 פונעם מעין מעניו קען מען הערן אלע נייע דרשות און שמועסן וואס איז ארויף אויף די האטליין, און גלייך דערנאך קען מען הערן דעם גאנצן דרשה, און עקסטער קען מען עס הערן ביים אפטיילונג פונעם שיעור, מען הערט צוריק פון די צוהערער גאר גוטע גריסן פון דעם נייעם חידוש. בקרוב וועט מען מעלדן די נייע אפדעיטס וואס גייט צוקומען אם ירצה השם.

קהל היכל הקודש

קרית ברסלב

# היעפ פראגראם

מיר ווילן לאזן וויסן אלע חשובע איינוואוינער, אז די שטאט האט א פראגראם וואס ווערט גערופן "היעפ" וואס צאלן א גרויס חלק פון די לעקטער און הייצינג פאר די מיט נישט גרויסע אינקאם

**אנגעהויבן פון נאוועמבער ביז מארטש**

אויב דארפט איר הילף אויסצופילן אייער היעפ צעטל, ביטע ווענדט אייך צו האברך מו"ה מרדכי אהרן הייליפרין הי"ו.

**אזוי אויך איז דא די פוד סטעמפס פראגראם פאר די וואס דארפן הילף צו צאלן די גראסערי, דאס גייט אן א גאנץ יאר.**

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**


181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפיידס

## KB HEALTH

גרויסע אויסוואהל פון
**כשר'ע וויטאמינ'ס**
אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.

The Zussman Family
**845.293.0418**
KBhealth18@gmail.com



**דירות אין שטעטל פאר שבתים**

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

מודעה חשובה פאר אנשי שלומינו שיחיו מכון עצתו אמונה זוכט אויפצונעמען מגיהים, שרייבערס און טייפערס לזיכוי הרבים, וואלענטיר ארבעט, צו העלפן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף די וועלט.
אויב האט איר א געפיל צו דער סארט ארבעט און טוט אין דעם, ביטע שיקט אייער אינפארמאציע
און א דוגמא פון אן ארבעט וואס איר האט שוין געמאכט, צום אימעיל אדרעסס
menahelmae@gmail.com




א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודה שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

*Lilac Electrolysis located in Monticello all year round.*
*For appointment or info call faigy*
*845-422-5783*



# מעשיות פון תפילה

## ברוך נוסבוים - בני ברק:

לכבוד די חשוב'ע לעכטיגע רעדאקציע פון די הייליגע אויסגאבע קרית ברסלב בלעטל

שכוח אייבערשטער פאר די הערליכע מעשה פון תפילה וואס איך האב געהאט, וויפיל דארפן מיר מיר דאנקען און לויבן פאר השי"ת אויף אלעס גוטס וואס ער טוט מיט אונז, ובפרט אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן און מיר קענען לעבן אזא חיים טובים, אשרינו שזכינו.

ווי אויך וויל איך דאנקן דעם אייבערשטן פאר די געוואלדיגע זכי' וואס איך האב געהאט אז איך האב זוכה געווען צו פארן דאס יאר קיין אומאן, כן יזכנו השם יתברך צו פארן יעדע יאר אויף אומאן ראש השנה. ברוך השם אז ביי אונז אין בנין היכל הקודש נוצט מען אויס ווי מער די צייט, און אויב איינער וואלט מיר דאס פארציילט וואלט איך אפשר נישט געגלייבט אז פינעף אזייגער פארטאגס זאל דער עולם שוין אויפשטיין, און ארום האלב זעקס זאל שוין זיין א געפאקטע דף שיעור מלא וגדוש מפה אל פה, ממש לא יאומן.

איך האב אויך זייער שטארק געוואלט אויפצושטיין פאר פינעף אזייגער, אבער א זייגער האב איך נישט געהאט, און אזוי אויכעט בין איך געשלאפן אויפן העכערן שטאק בעט, און כדי צו וויסן וויפיל אזייגער איז יעצט ווען ס'איז אזוי טונקל אינדרויסן, האב איך געדארפט וואשן נעגל וואסער, אראפ גיין פון בעט, ארויס גיין פון צימער, און זוכן ווער ס'איז אויף, כדי צו קענען פרעגן וויפיל אזייגער ס'איז, האב איך געמאכט דער בעסטער סגולה וואס ס'איז דא, איך האב געבעטן זייער אסאך דעם אייבערשטן פארן גיין שלאפן אז איך זאל אויפשטיין פאר פינעף אזייגער פארטאגס, שכח אייבישטער אז ביידע טעג ראש השנה, בין איך אויפגעשטאנען פאר פינעף אזייגער.

א גרויסן שכח פאר אייך נאכאמאל, אויפן הערליכן אויסגאבע און פאר יעדן ארטיקל באזונדער, בפרט אויף די סוכות אויסגאבע, עס איז געווען געוואלדיג ש'בגעוואלדיג, איך האב מיך ממש מחי' געווען, בפרט ווען ארום און ארום דרייט זיך אזוי פול זאכן וואס צו ליינען יו"ט יעדער גיבט ארויס מאגעזינען און צייטונגען, מיט אלע נארישקייטן און שטותים וואס ס'איז נאר שייך, איין שטיק דברים בטלים, און דא האבן מיר אזא רייכע אנגעפילטע אויסגאבע פון ערליכע הייליגע עצות פון הייליגן רבי'ן, באמת א גרויסן יישר כח

חזקו ואמצו מחיל אל חיל להגדיל תורה ולהאדירה להאיר לארץ ולדרים.

## יעקב בלוך - בני ברק:

שלום וברכה לכבוד המערכת היקר והאהוב מערכת קרית ברסלב בלעטל רציתי להודות על התוכן היפה להפליא באמת תודה.

כותב כאן יעקב בלוך מבני ברק רציתי לספר מעשה של תפילה שהבטחתי לפרסם בבלעטל. לפני הימים טובים שעבר עלינו לטובה ולברכה, אז הלכתי לעבוד במיון של הדסים, ולא ידעתי כמה אני יקבל על העבודה וגם איך הבעל הבית ישלם לי, במזומן או שיק או עברה בנקאית, וביקשתי תפילה מהקדוש ברוך הוא שבגלל שאני לא יודע מה קורה בבנק שלי אז ביקשתי שיתן לי את כל הכסף במזומן, ברוך השם הוא נתן לי את כל הכסף מזומן בדיוק מתי שאני צריך את הכסף

**אין אידיש איבערזעצונג:** איך האב צוגעזאגט עס צו אריינגעבן אינעם קרית ברסלב בלעטל במילא געב איך דא איבער די מעשה.

פאר יום טוב בין איך אריין ארבעטן ביי א געשעפט פון הדסים, איך האב נישט געוויסט וויאזוי ער גייט מיר באצאלן, קעש, טשעק אדער אנדערע וועגן, איך האב זייער שטארק געוואלט ער זאל מיר צאלן מיט קעש, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר טאקע צאלן אויף דעם וועג וויאזוי איך דארף עס און ער זאל מיר צאלן צייטליך, שכח אייבערשטער אז אן בעטן האט ער מיר באצאלט אויף דעם וועג, און ער האט מיר באצאלט אין צייט ברוך השם.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת**, וַוייל צְנִיעוּת אִיז דָאס שְׁטָאלְץ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָאס אַז אִיר זֶענְט אֵיינֶער אַלֵיינְס פוּן צְווִישְׁן אַלֶע אַייעֶרֶע חַבְרֶ'טֶעס וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אַזוֹי שְׁטַארְק צְנִיעוּת'דִיג דַארְף אַייךְ בְּרֶענְגֶען שְׁטָאלְץ אוּן גַּאֲוָה.

אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין אֵיין רֶגַע אַז אִיר זֶענְט נֶעבֶּעכְדִיג וְכוּ', נָאר שְׁטָאלְצִירְט מִיט אַייעֶר לְבוּשׁ אוּן הַאלְטְס אַייךְ גְרוֹיס מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער; **וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִידִישְׁקֵייט - דָארְט אִיז אַ מִצְוָה צוּ הָאבְּן גַּאֲוָה**, אַזוֹי וְוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דֶעם אִידִישְׁן קֶענִיג יְהוֹשָׁפָט וָואס הָאט פַארְמָאגְט אַ גְרוֹיסֶע רַייכְטוּם - גֶעלְט, כָּבוֹד אוּן אַלְסְדִינְג - דָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים-ב יז, ו): **"וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה'"**, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן גְרוֹיס מִיט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גַּאֲוָה פוּן זַיין גֶעלְט, פוּן זַיין פַּאלַאץ אָדֶער פוּן זַיינֶע טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער, נָאר פוּן זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים - אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּמְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס פוּן לַאנְד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): **"צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים"**, אַ פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַאר אַ מֵיידְל וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג בְּשַׁעַת וֶוען אַלֶע אִירֶע חַבְרֶ'טֶעס גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק צְנִיעוּת'דִיג.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ רוּת רַבָּה ד, ט): פַארְוָואס הָאט בֹּעַז גֶעוָואלְט חַתוּנָה הָאבְּן מִיט רוּת? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אוֹיף אִיר אַז זִי אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ; אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין פֶעלְד קְלוֹיבְּן לֶקֶט שִׁכְחָה אוּן פֵּאָה פוּן דִי זַאנְגֶען הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן פוּן דִי אַרָאפְּגֶעפַאלֶענֶע תְּבוּאָה אוּן וֶוען מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף דִי קְלֵייד אוּן דָאס אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, אָבֶּער רוּת הָאט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ גֶעבּוֹיגְן נָאר זִי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף אַן אוֹפֶן אַז אִיר קְלֵייד זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) אַז עֶר הָאט גֶעזֶען וְוי דִי מֵיידְלֶעךְ לַאכְן אַרוּם מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט, אָבֶּער רוּת הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער אוּן נִישְׁט גֶעלַאכְט פוּן זֵייעֶרֶע וֶוערְטְלֶעךְ, דָאס הָאט אִים בַּאאֵיינְדְרוּקְט אַז דִי מֵיידְל אִיז אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן **פוּן דֶעם פָּאר-פָּאלְק אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דָוִד הַמֶּלֶךְ.**

אִיךְ הָאף אַז אִין אַייעֶר הַארְץ זֶענְט אִיר נִישְׁט מְקַנֵּא דִי אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואוּ מֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד צוּ גֵיין אַזוֹי וְוי מֶען גֵייט בַּיי אַייךְ. טְרַאכְטְס נִישְׁט: 'אַ שָׁאד אִיךְ בִּין אִין אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מֶען גֵייט אַזוֹי יָאנְטְשִׁי אָנְגֶעטוּן', נָאר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אִין אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מֶען פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל"**. אִיר הָאט טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן וְוי זֵיי וֶועט אִיר בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ אוּן זוֹכֶה זַיין אַז פוּן אַייךְ וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

וְוי לַאנְג אִיז מֶען דֶען אַ מֵיידְל? מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען וֶוערְט אַ כַּלָּה, מֶען הָאט חַתוּנָה, מֶען הָאט קִינְדֶער אוּן מֶען הָאט שׁוֹין גְרוֹיסֶע קִינְדֶער; יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ אַייךְ: וֶוער וִויל נִישְׁט שֶׁעפְּן נַחַת? יֶעדֶער וִויל נַחַת, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז גְרֵייט צוּ טוּן דִי זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט נַחַת, אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ בָּנִים הֲגוּנִים פַארְן גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג וָואס דַארְף מֶען מֶער פוּן דֶעם.

**אִיךְ הָאף אַז דֶער בְּרִיוו וֶועט אַייךְ מְחַזֵק זַיין.**

# א שיחה

פון דער

## ראש ישיבה שליט"א



## חִינוּךְ

אִין אַ **שְׁמוּעֶס וֶועגְן חִינוּךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** מֶען קֶען הֶערְן הַיינְט וְוי מֶענְטְשְׁן זָאגְן: **"נַא, הַיינְט שְׁלָאגְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט, הַיינְט שְׁטוֹיסְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט"**; אִיךְ וֶועל דִיר פַארְצֵיילְן אַ קְלֵיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין. אַ אִינְגֶערְמַאן פַארְצֵיילְט מִיר, עֶר וואוֹינְט אִין מָאנְסִי, אוּן עֶר הָאט אַרַיין גֶעשִׁיקְט יֶעצְט נָאכְן זוּמֶער זַיין אִינְגְל אִין כִּתָּה א' אִין אַ חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמוּד תּוֹרָה (וָואס מֵיינְט חָשׁוּב? אַז דָארְט נֶעמְט מֶען נִישְׁט אָן נָאר אוֹיבּ מֶען שְׁרַייבְּט אַיין דָאס קִינְד נָאךְ פַאר מֶען אִיז גֶעבּוֹירְן), נָאךְ אַפָּאר טֶעג, הָאבְּן דִי עֶלְטֶערְן בַּאמֶערְקְט אַז דָאס קִינְד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף נַאכְט נָאךְ נַאכְט מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת, וֶוען דֶער מַאמֶע הָאט אִים בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט פָאר? וָואס שְׁרַייסְטוּ?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "מַיין רֶבִּי גֵייט מִיר הַרְגְ'נֶען", יֶעדֶע נַאכְט הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, דָאס קִינְד שְׁרַייט: **"מַיין רֶבִּי גֵייט מִיר הַרְגְ'נֶען"**; דָא רֶעדְט מֶען פוּן כִּתָּה א', אַ קִינְד פוּן פִיר אוּן אַ הַאלְבּ יָאר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע נַאכְט אוּן שְׁרַייט: "מַיין רֶבִּי גֵייט מִיר הַרְגְ'נֶען", דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר עֶס הָאט אִים גֶעכַאפְּט אַ צִיטֶער, וָואס גֵייט דָא פָאר? דָאס אִיז דָאךְ אַ חָשׁוּבְ'עֶ מוֹסָד... הֶער וַוייטֶער דִי מַעֲשֶׂה, חוֹל הַמּוֹעֵד זָאגְט אִים זַיין קִינְד: "טַאטִי, שְׁרַייבּ אַ מִצְוָה צֶעטְל פַאר דִי בֶּעבִּי, וַוייל זִי הַאלְט דִי הֶענְט אוֹיף דִי הַייטְשֶׁער גְרָאד פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, זִי רִירְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן **מַיין רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוער עֶס הַאלְט דִי הֶענְט אוֹיפְן טִישׁ אוּן רִירְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר בַּאקוּמְט אַ מִצְוָה"**, דָאס הֵייסְט אַ מְלַמֵּד אִין אַ חָשׁוּבְ'עֶ מוֹסָד...

אַ פְרוֹי זָאגְט מִיר: אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין תְּהִלִים, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין צְוֵוייטֶע קְלַאס הָאט מֶען גֶעזָאגְט תְּהִלִים; יֶעדֶע מֵיידְל הָאט גֶעדַארְפְט זָאגְן אַ פָּסוּק, דִי סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז אֵיין מֵיידְל הָאט גֶעזָאגְט אַ וָוארְט אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן אִיר נָאכְגֶעזָאגְט וָוארְט בַּיי וָוארְט. פַארְצֵיילְט דִי פְרוֹי אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזוֹי גוּט עִבְרִי, הָאט זִי גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטֵייט, אוּן אַנְשְׁטָאט דִי טִיטְשֶׁער זָאל אִיר מְחַזֵק זַיין אוּן אִיר הֶעלְפְן אַז זִי זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען גוּט עִבְרִי, רוּפְט זִיךְ אָן דִי טִיטְשֶׁער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ וַוארְטְן וְוי לַאנְג דוּ זָאגְסְט, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן"; זִי אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְץ יָאר אִין קְלַאס, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אִיר רַייעֶ צוּ זָאגְן הָאט מֶען אִיר אִיבֶּערְגֶעהִיפְּט, וַוייל "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ וַוארְטְן וְוי לַאנְג זִי זָאגְט". זָאגְט זִי, אַז **בִּיז הַיינְט קֶען זִי נִישְׁט קַיין עִבְרִי**, אוּן אָפְּגֶערֶעדְט אַז זִי אִיז פַארְוֵוייטָאגְט אוֹיף דִי תְּהִלִים, אוּן זִי קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין תְּהִלִים. דֶערְפַאר, אַז דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי חֵדֶר מִיט דִי סְקוּל, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ גְרֵייטְסְט אָן מוֹסְדוֹת פַאר דִיר אַלֵיין - פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.



# א מַעֲשֶׂה
## פוּן אַ צַדִּיק

### הֵיילִיגֶע סְפָרִים

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט דִי הֵיילִיגֶע שְׁוָואגֶערְס רֶבִּי יוֹסֵף שָׁאוּל נָאטֶנְזָאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן רֶבִּי מָרְדְכַי זְאֵב אִיטִינְגֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בֵּיידֶע גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים, צֶעזַאמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים, אוּן אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים - הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶעמָאלְטְס אַ גְרוֹיסֶער עַזוּת פָּנִים וָואס הָאט זֵיי מְקַנֵא גֶעוֶוען, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ סֵפֶר מִיטְן נָאמֶען דוֹבֵר מֵישָׁרִים, אַקֶעגְן דִי צְוֵוי גְאוֹנִים, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעפַּסְקֶ'עֶנְט הָאט עֶר מְחוּלָק גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט צֶעשִׁיקְט זַיין סֵפֶר צוּ אַלֶע גְדוֹלֵי עוֹלָם, אוּן צוּם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֶר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט צְוֵויי מָאל, צוּ מַאכְן זִיכֶער אַז עֶר הָאט עֶס בַּאקוּמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֶר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי עֶר הָאט עֶס נָאר אַ קוּק גֶעגֶעבְּן אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער פַּארְשׁוֹין שְׁרַייבְּט אַזוֹי מִיאוּס אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צְוֵויי שְׁוָואגֶערְס, הָאט עֶר דָאס גֶעהֵייסְן גְלַייךְ פַּארְבְּרֶענֶען, דֶער פַּארְשׁוֹין הָאט גֶעזֶען אַז דֶער חֲתַם סוֹפֶר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶנְטְפֶערְט אִים נִישְׁט, הָאט עֶר צוּ אִים גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו עֶר זָאל זָאגְן אַ מֵיינוּנְג אוֹיף זַיין סֵפֶר וָואס עֶר אִיז מְחוּלָק אוֹיף דִי צְוֵויי גְאוֹנִים, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֶר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַ לַאנְגְן בְּרִיוו מִיט גְרוֹיס אֲרִיכוּת, "מַיינֶע אוֹיגְן גִיסְן טְרֶערְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם קוּנְטְרֵס וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן אַקֶעגְן דִי צְוֵויי גְאוֹנִים, אוֹי לְעֵינַיִם שֶׁכַּךְ רוֹאוֹת, עֶס גְלֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אַז אִין דֶעם דוֹר זָאל זִיךְ גֶעפוּנֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת בַּיי אַזֶעלְכֶע גְדוֹלֵי הַדוֹר, עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט אַזוֹי פִיל מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים וָואס גֶעבְּן אַרוֹיס אַלֶע עֶרְלֵיי בִּיכֶער פוּל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן קֵיינֶער שְׁטֵייט נִישְׁט אַקֶעגְן זֵיי, קֵיינֶער קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, נָאר וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר וָואס עֶס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן הֲלָכוֹת, זוּכְט מֶען אוֹיף אִים מִיט לֶעכְט צוּ טְרֶעפְן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ, וִוי קֶענֶען מִיר וַוארְטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה וֶוען עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אַזֶעלְכֶע גֶעמֵיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת נָאר זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אוּן פֶעלֶערְן אוֹיף סְפָרִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְגַלֶה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן אִידְן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹות? עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אִין גַאנְץ שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס זָאל אַקֶעגְן שְׁטֶעלְן זִיךְ דַיין סֵפֶר דוֹבֵר מֵישָׁרִים, אִיבֶּערְדֶעם מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, פָאלְג מִיר נֶעם צֶעזַאם אַלֶע דַיינֶע סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרִיקְט אוּן פַארְבְּרֶען עֶס, וָוארוּם אַזַא סֵפֶר טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף גְדוֹלֵי עוֹלָם וָואס זֶענֶען מְגַלֶה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֶענֶען זִיךְ מוֹסָר נֶפֶשׁ אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם".

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין וִויכּוּחִים מִיט קַיין עַזֵי פָּנִים, וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט "מִיט הוּנְט חַבֶר'ט מֶען זִיךְ נִישְׁט וַוייל מֶען קֶען כַאפְּן אַ בִּיס פוּן זֵיי".

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּקְט יָא אַרַיין אִין דִי סְפָרִים אוּן אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי סְפָרִים אוּן וֶוערְט דֶערְוֶועקְט פוּן טִיפְן שְׁלָאף דוּרְךְ דִי סְפָרִים, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

(אשר בנחל אידיש מכתב ל"ב)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פארזעצונג |

## - ו -

**פארזעצונג פון פריער:** אום ח' ניסן תקל"ב, שבת קודש פרשת מצורע וואס איז דעמאלט אויך געווען שבת הגדול, איז געווען די ברית פון הייליגן רבי'ן, און מ'האט אים א נאמען געגעבן נחמן אויפ'ן נאמען פון זיין זיידע, זיין טאטע'ס טאטע, רבי נחמן הוירידענקער ז"ל.

***

זיין מאמע, די צדיקת מרת פיגא, האט זייער געהיטן אויף אים, זי פלעגט אים כסדר מיטנעמען מיט זיין בעטל צום ציון הקדוש פון איר זיידע דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע. זי פלעגט ארויפלייגן זיין בעטל אויפ'ן ציון בשעת זי האט דארט מתפלל געווען, זי האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן דארט אויף די הצלחה פונעם קינד.

[דער רבי האט איר זייער מכיר טובה געווען אויף דעם זיין גאנץ לעבן, ער האט געהייסן אז ווען מ'דערמאנט זיין נאמען לזכות, זאל מען אים רופן אויף זיין מאמע'ס נאמען, רבינו נחמן בן פיגא, נישט ווי געווענליך וואס מ'רופט א נפטר אויף זיין טאטע'ס נאמען].

אין אזא אטמאספער האט זיך אנגעהויבן דאס הייליג לעבן פון רבי'ן, ער האט געהערט און געזען בלויז קדושה און טהרה פון אלע זייטן, פון איין זייט זיין טאטע'ס דביקות צום אייבערשטן, און פון די אנדערע זייט זיין מאמע מיט אירע תפלות און בקשות, און מיט איר גיין אסאך צום ציון פון איר זיידע דער בעל שם טוב זי"ע.

אין יענע צייט פלעגן די תלמידים פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע, און די תלמידים פון הייליגן מגיד זי"ע, קומען אסאך קיין מעזיביזש זיך משתטח צו זיין אויפ'ן ציון הקדוש פון בעל שם טוב זי"ע. זיי פלעגן געווענליך איינשטיין אין הויז פונעם בעל שם טוב זי"ע, וואס האט דעמאלט באלאנגט פאר רבי שמחה ז"ל און זיין ווייב מרת פיגא ע"ה.

אזוי ווי דער סדר פון צדיקים, ספעציעל אזעלכע גרויסע און הייליגע צדיקים, תלמידים פון בעל שם טוב זי"ע און דער מגיד זי"ע, פלעגן זיי רעדן נאר דברי תורה און ערציילונגען פון זייער הייליגער רבי. און דער רבי פלעגט אלץ שטיין דארט ביים טיש און אויסהערן וואס זיי רעדן און דערציילן. זיי האבן נישט אין אכט גענומען ווי דאס קליין קינד שטייט נעבן זיי און שלינגט מיט דארשט יעדעסווארט וואס קומט ארויס פון זייער מויל. דער רבי איז נאך געווען זייער קליין דעמאלט, א דריי פיר יעריג קינד, קיינער האט נישט געלייגט קיין געוויכט אויפ'ן קינד וואס שטייט דארט אין די זייט, אבער דער רבי האט זיך יא זייער שטארק צוגעהערט צו די הייליגע ווערטער וואס זענען אריינגעקריצט געווארן אין זיין הערצעלע, ער האט באקומען גרויס חשק אויך אויסצואוואקסן א גרויסער צדיק אזוי ווי זיי, ער האט געוואלט נאכגיין אין זייערע הייליגע וועגן .



ציון הרה"ק ה'תולדות יעקב יוסף זי"ע אין פולנאה - אוקריינא

איינמאל האבן זיך צוזאמגענומען עטליכע צדיקים, וואס זענען דארט איינגעשטאנען, צו פארן אינאיינעם צום הייליגן תולדות יעקב יוסף זי"ע. דער רבי, וואס איז דעמאלט אלט געווען אומגעפער פיר פינף יאר, האט אויך געוואלט מיטפארן מיט זיי, ער האט זיך געבעטן ביי זיי אים מיטצונעמען, אזוי ווי אבער ער איז נאך געווען אזוי קליין האבן זיי אים נישט געוואלט מיטנעמען, ווער וועט דען אכטונג געבן דארט אויף אים?

ווען דער רבי האט געזען אז מ'וויל אים נישט נעמען, האט ער זיך אריינגעשטעלט צווישן די רעדער פון וואגן און זיי נישט געלאזט פארן נאר אויב זיי נעמען אים מיט. דארט האט זיך אויך געפינען דער צדיק רבי חיים קראסנער זי"ע, און ווען ער האט געזען דעם רבינ'ס גרויסע עקשנות מיטצוקומען, האט ער אים אנגעכאפט ביי די האנט און ארויפגעשלעפט אויפ'ן וואגן, און זיך אונטערגענומען אכטונג צו געבן אויף אים, און אזוי איז דער רבי טאקע מיטגעפארן.

דער רבי האט אים זייער מכיר טובה געווען זיין גאנץ לעבן אויף דעם וואס ער האט אים מיטגענומען, ווייל נאר דורך אים האט ער זוכה געווען איין מאל צו זען דעם הייליגן תולדות יעקב יוסף זי"ע.

פארזעצונג קומט אם ירצה השם
**גענומען פון ספר "פעלת הצדיק"**



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס פרשת בראשית - תשפ"ג

**דוד פוקס דערציילט:** ברוך השם איך האב געהאט די זכי' צו עסן ביי דער ראש ישיבה שליט"א פרייטאג צונאכטס פרשת בראשית תשפ"ג, איך וועל אראפשרייבן אביסל וואס איך געדענק.

**ס'דרוקט אים די חובות**

אויפ'ן וועג אהיים האט דער ראש ישיבה געטראפן א אינגערמאן, און ער פרעגט דעם ראש ישיבה: "וואו וואוינסטו", האט דער ראש ישיבה געענטפערט "איך וואוין דא אין וויליאמסבורג זייט מיין חתונה", רופט ער זיך אן "ב' חשון אם ירצה השם, איך רוף אייך פערזענליך", און דער ראש ישיבה פרעגט אים "וואס איז מיט ב' חשון?", ענטפערט ער "האסט געפרעגט ווען איך מאך חתונה זאג איך דיר ב' חשון"... האט אים דער ראש ישיבה געזאגט "איך האב אפילו נישט געוואוסט אז דו מאכסט חתונה, איך האב דיר געזאגט אז איך וואוין דא זייט מיין חתונה"...

נאכדעם וואס ער איז אוועק געגאנגען האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "איך זאג אים עפעס וועגן חתונה און ער האט געמיינט איך רעד פון זיין זון'ס חתונה, ס'דריקט אים די חובות, ער קען נישט אויפהערן טראכטן פון די חתונה"...

**געברענגט וואילע בחורים צו די סעודה**

ווען מ'איז אנגעקומען אהיים האבן אפאר קינדער געוואלט אריינלויפן אין שטוב פאר דער ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט: "איך וועל ענק אויסלערנען א שיינע זאך פאר די לעבן, מ'גייט נישט אריין פאר א טאטע".

דער ראש ישיבה איז אהיים געקומען זייער פריילך און אויסגערופן "גוט שבת, גוט שבת", און זיך אנגערופן פריילך: "די וואך האב איך געברענגט זייער וואילע בחורים".

**מ'דארף זיין בשלום**

ס'איז געווען אביסל הייס, און דער ראש ישיבה איז ארויסגעגאנגען אויפן פארטש, און געוויזן אז פון זיין פארטש קען מען זען די פרידע"ם טאויע"ר, פרידע"ם מיינט שלום, "אלץ ווען איך קום ארויס אויפ'ן פארטש דערמאן איך מיך אז מ'דארף זיין בשלום".

נאכדעם וואס ער איז אוועק געגאנגען האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "איך זאג אים עפעס וועגן חתונה און ער האט געמיינט איך רעד פון זיין זון'ס חתונה, ס'דריקט אים די חובות, ער קען נישט אויפהערן טראכטן פון די חתונה"...

**פארוואס שמעקט מען בשמים?**

דער ראש ישיבה איז אריין אין קאך האלפן זיין ווייב אנגרייטן די עסן, נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אראפגעזעצט ביים טיש, און געגעבן פלעצער לויט די יארגאנג.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיינע קינדער: "ווער ווייסט פארוואס מ'שמעקט בשמים שבת ביינאכט?, און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט: "ווען אדם הראשון האט געגעסן פון די עץ הדעת, די איינציגסטע חוש וואס ער האט נישט געניצט צו עסן פון די עץ הדעת איז געווען די חוש פון שמעקן, וועגן דעם שמעקט מען בשמים שבת".

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב: "ווער פון די קינדער וועלן אויפהייבן די בעכער?" דער ראש ישיבה האט געזאגט אז איינע פון די קינדער קענען נישט אויפהייבן די בעכער ווייל ער איז נישט געווען דרך ארץ'דיג, אויב ער גייט זיין דרך ארץ'דיג וועט ער מארגן קענען אויפהייבן די בעכער (שבת אינדערפרי' האט ער טאקע אויפגעהויבן די בעכער).

<<<<

## עסן מיט דרך ארץ

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש און געגעבן פאר יעדן אביסל גרעי"פ דזשו"ס, דערנאך האט דער ראש ישיבה געוואשן אלע קינדער, און איינער האט אויסגערעדט נאכן זיך וואשן, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "אויב מ'רעדט אויס דארף מען זיך איבערוואשן".

ביים עסן די פיש האט איינע פון די קינדער געזאגט אז זיי ווילן קאסטן אביסל פון די געפילטע פיש, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "אויב דו ווילסט קאסטן די פיש קענסטו נעמען א קליינע שטיקל אין דיין טעלער און עס קאסטן, אסאך מאל קומען בחורים עסן, און זיי ווילן קאסטן די פיש, זיי גראבן אריין אינמיטן פון די פיש, און נאכדעם קען מען שוין גארנישט טון מיט דעם".

## די מטרה פון שמועסן נייעס

דער ראש ישיבה האט געזאגט: ביי די סעודה מיט'ן ראש ישיבה אינעם קרית ברסלב בלעטל שטייט אלץ שיחות וואס מ'רעדט ביים סעודה, נאכדעם איז דא הנהגות וואס מ'טוט ביי די סעודה, נאכדעם איז דא אמאל וואס מ'רעדט נישט וויכטיגע זאכן, סתם שטותים, מ'שמועסט נייעס אדער אנדערע נארישקייטן, און דער ראש ישיבה רופט זיך אן אינמיטן די שמועס: "דער אייבערשטער פירט די וועלט", דאס איז דער עיקר פון אלעס, אינמיטן שמועסן אן אינטערסאנטע שמועס קומט אלץ אריין דעם אייבערשטן.

## יעדער דארף אויפמערקזאמקייט

די קינדער האבן זיך געשפילט, אינמיטן איז איינער ארויפגעקראכן אויף א צווייטן, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן זייער שטרענג: "מ'קען נישט קריכן אויף א צווייטן, דאס הייסט שוין ביי מיר אן עבירה!".

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה גערופן יוסף זאל קומען זיצן נעבן אים, און מענדל האט געזען ווי ער גייט איז ער אויך געקומען זיצן די אנדערע זייט פונעם ראש ישיבה, אינמיטן האט די בעבי יחזקאל אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מאמי, קוק יחזקאל דארף אויך עטענשן (אויפמערקזאמקייט)", און דער ראש ישיבה האט געהייסן יוסף זאל זיך אויפשטעלן און געבן די פלאץ פאר יחזקאל.

איינע פון די עלטערע קינדער האבן אנגעהויבן זאגן: "מע, יחזקאל דארף עטענשן, יחזקאל דארף עטענשן", און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "דו דארפסט נישט קיין עטענשן? יעדער מענטש דארף מ'זאל קוקן אויף אים, און יעדער מענטש טוט זאכן צו באקומען זיין עטענשן, איינער וואס דארף נישט קיין עטענשן איז א טויטע מענטש", דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר יוסף: "ווען דו שטעלסט דיך אויף מאכן א פלעי ווילסטו אויך מ'זאל קוקן אויף דיך...", און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר א בחור: "ווען איך בין אריינגעקומען און געזאגט "די וואך האב איך געברענגט זייער וואוילע בחורים" האסטו אויך הנאה געהאט, א געזונטע מענטש דארף עטענשן".

> דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "דו דארפסט נישט קיין עטענשן? יעדער מענטש דארף מ'זאל קוקן אויף אים, און יעדער מענטש טוט זאכן צו באקומען זיין עטענשן, איינער וואס דארף נישט קיין עטענשן איז א טויטע מענטש.

## פאלגן מאמי

דער ראש ישיבה'ס ווייב האט געהייסן איינע פון די קליינע קינדער עפעס צו טון, און ער האט נישט געפאלגט, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "דו דארפסט ארויסגיין אינדרויסן אין די האלל, דו האסט נישט געפאלגט א מאמע", "צוויי וואכן וועט מען אים דארפן ארויסלייגן אין די האלל, און נאכדעם וועט ער טאקע זיין וואויל". און דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב: "שמעון און נחמן נתן פאלגן דיר ווען דו זאגסט עפעס? נאר ווייל מ'האט זיי מחנך געווען, די פוילע וועג איז צו זאגן "מ'וועט שוין קעיר נעמען...", אבער קינדער דארף מען מחנך זיין".

דער ראש ישיבה האט אים אנגעהויבן ארויס טראגן ביז ער האט אנגעהויבן וויינען, דער ראש ישיבה האט אים געהייסן זאגן "אמסארי" (אנטשולדיגט) מאמי", נאר נאכדעם וואס ער האט עס געזאגט האט זיך דער ראש ישיבה צוריק אראפגעזעצט אויף זיין פלאץ.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע סעודה און ארויסנעמען הערליכע הנהגות פאר'ן לעבן.

# נקודות טובות

גהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### א ווארט פון הרב ר' יצחק לעזער שליט"א:

ביי די סיום פון מסכת יבמות האט הרב רבי יצחק שליט"א געזאגט אז די מסכת יבמות ענדיגט זיך מיט די צוויי פרקים **"האשה שלום" און "האשה בתרא"**, האט רבי יצחק דאס פארטייטש מיט דאס וואס מוהרא"ש לערנט אונז כסדר, אז א מענטש מיינט אז ער מוז אלעמאל האבן די לעצטע ווארט, ער מוז זיין גערעכט, מוהרא"ש לערנט אונז: "לאז דיין ווייב זיין גערעכט, וועסטו האבן א גוטע שלום בית".

דאס איז טייטש **"האשה שלום"** ווילסט האבן שלום בית מיט דיין ווייב, מוז זיין **"האשה בתרא"** לאז דיין ווייב האבן דאס לעצטע ווארט, געב איר גערעכט, רעכן דיך מיט איר מיינונג, וועסטו האבן האשה שלום.

די מסכתא ענדיג זיך מיט די גמרא וואס איז דן אויב **כתובות אשה איז דיני ממונות אדער דיני נפשות,** האט רבי יצחק געזאגט: **כתובת אשה**, די געלט וואס דער מאן דארף געבן פאר זיין ווייב, אויב ס'קירט ער איר, "דו עסט מיר אויף מיין געלט", ער געבט איר נישט די געלט וואס זי דארף, **'דיני ממונות'** אויב מ'געבט נישט פאר די ווייב אירע געברויכן, דעמאלט ענדיגט זיך עס מיט צוברעכן די שטוב וואס דאס איז **'דיני נפשות'**. באלד דערנאך פירט די גמרא אויס מיט די מימרא: **"תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם"**, דאס איז אויך על פי הקדמת מוהרא"ש זי"ע, אז דער עיקר קוקט מען אויף א מענטש ווי אזוי ער פירט זיך אויף אין שטוב, עס קען זיין א מענטש זאל זיצן און לערנען פלייסיג אבער אינדערהיים פירט ער זיך ווי א חיה רעה, איז ער אפשר א 'חכם' אבער נישט קיין 'תלמיד חכם' ער איז נישט קיין תלמיד פון א צדיק, ווייל תלמידי חכמים ווער עס איז א תלמיד פון א צדיק "מרבים שלום" אזא איינער לערנט תורה און ער האט די לימודים ווי אזוי זיך צו פירן אין שטוב.

### איינע פון די מקשיבי השיעור פונעם דיין שליט"א געבן איבער:

דער דיין האט פארגעלענט די גמרא כתובות קד, די גמרא זאגט זייער שארף: 'ווער עס זאגט אז רבי איז געשטארבן דארף מען שטעכן מיט א שווערד', דער דיין שליט"א האט זיך געשטעלט אויף דעם פארוואס איז די גמרא אזוי שארף, עד כדי כך אז מען דארף הרג'ענען איינער וואס זאגט אז רבינו הקדוש רבי יהודה הנשיא איז נפטר געווארן.

האט דער דיין געזאגט אז דאס איז א געפערליכע זאך ווען א מענטש זאגט אויף א צדיק אז ער איז נפטר געווארן, אין די צייט וואס ער לעבט, מיר לעבן מיט זיינע ספרים, די גאנצע תורה איז געבויט אויף משניות וואס רבי האט געמאכט, איז ווי אזוי קען איינער זיך וואגן צו זאגן אז רבי איז געשטארבן.

דאס זעלבע איז ביים הייליגן רבי'ן ז"ל, מענטשן זאגן אז ברסלב'ע חסידים גייען צו א טויטע רבי רחמנא ליצלן, עס איז א שרעקליכע לצנות און בזיון צו זאגן אויף א צדיק וואס זיינע ספרים זענען מחיה די גאנצע וועלט אז ער איז טויט, פונקט פארקערט, א צדיק נאך ער גייט אוועק פון די וועלט איז ער נאך מער לעבעדיג ווי בחיים חיותו.

### ר' יעקב משה אינדארסקי זאגט:

ביים גיין נאך געלט אין איינע פון די הייזער דא אין שטעטל, האט ער באמערקט ביים טיר שטייט א צעטל בזה הלשון: "א ברסלב'ער חסיד טראכט אלעמאל ווי אזוי קען מען ברענגען נאך א איד צום

אייבערשטן" עס איז מיר זייער געפאלן, אז א מענטש לייגט אזא צעטל ביי זיין טיר אז יעדע מאל ער אדער איינער פון זיין שטוב גייט ארויס זאל ער געדענקען זיין חוב אלס ברסלב'ער חסיד, ברענגען נאך א איד צום אייבערשטן.

### ישראל העסקל - לאנדאן דערציילט:

איך בין געווען אין בארא פארק שבת פרשת בראשית, מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו האט שיין ארומגערעדט אז עס איז אזוי וויכטיג צו האבן א חבר פאר עבודת השם, אן דעם קען מען זיך דרייען ביי א צדיק און מען פאלט, מען מוז האבן א גוטע חבר מיט וועם אויסצושמועסן אלע ספיקות און בילבולים.

ער האט אנגעוויזן אויף דעם ווארט וואס מוהרא"ש פלעגט אלס חזר'ן מיט אונז, אז אדם הראשון נאכן חטא עץ הדעת האט זיך ארומגעדרייט הונדערט און דרייסיג יאר צובראכן ווייל ער האט געזינדיגט, ביז ער האט געשמועסט מיט זיין זון און ער האט אים געזאגט: "מען קען תשובה טון". זעט מען אפילו אדם הראשון וואס זיין רבי איז דאך געווען דער אייבערשטער אליין, מיט דעם אלעם אן א גוטע חבר וואס זאל אים מחזק זיין האט ער געהאלטן אין איין פאלן.

### דוד ראבינאוויטש געבט איבער:

א ווארט וואס דער דיין שליט"א האט גערעדט ביי שלוש סעודות פרשת בראשית.

די תורה הייבט זיך אן "בראשית", כדי אנצוהייבן די תורה דארף א מענטש זען דער עיקר ווי ער האלט 'ב'ראשית, בית (אין שטוב) ראשית, דארט מעסט זיך די גדלות פון א מענטש ווי אזוי ער פירט זיך אינדערהיים, דאס איז דער ערשטע זאך צו לעבן מיט שלום אין שטוב, אזוי קען מען זיין אן ערליכער איד, דאס איז די התחלה פון די תורה.

### ברוך נוסבוים - בני ברק דערציילט:

יעדער איד וואס האט אמונת חכמים און הערט דעם רבינ'ס ווערטער "הראש השנה שלי עולה על הכל", הייבט ער גלייך אן צו בעטן דעם אייבערשטן ער זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה בפועל ממש, און צוברעכן אלע מניעות, ס'איז אבער דא אסאך אידן וואס האבן גאר שווערע מניעות צו קומען, א טייל האבן מניעות פון די משפחה, ס'איז דא וואס האבן מניעות המח, אדער אנדערע מניעות, אבער זיי ווילן נישט מוותר זיין, זיי בעטן און בענקן צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס קיבוץ אין אומאן, למעשה גייט יעדער דורך עפעס תיקונים און מניעות ביז ווען ער קומט אן צום רבי'ן.

דאס יאר קען יעדער ארויס געבן א גאנצע ביכל פון זיין נסיעה קיין אומאן, די נסיעה פון "ראש השנה תשפ"ג וועט ווערן איינגעקריצט אלס א יאר פון מסירות נפש בגוף ובממון, וואס אידישע קינדער האבן אריינגעלייגט, צו קענען מקיים זיין די ווערטער פון רבי'ן.

איך האב א גוטע חבר אין אמעריקע וואס האט זייער שטארק געוואלט קומען, אבער ער האט געהאט גאר שטארקע מניעות, מיר פלעגן זיך מחזק זיין אינאיינעם, ביז ס'איז מיר איינגעפאלן א געדאנק, איך האב אים געבעטן אז איך וויל מאכן א געשעפט מיט אים, איך וועל יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן פאר אים, און ער וועט בעטן פאר מיר, וכך הווה, איך האב יעדן טאג געבעטן פאר אים און ער האט געבעטן פאר מיר, און ברוך השם דער אייבערשטער האט אויסגעהערט אונזערע תפילות און אונז ביידע האבן זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אשרינו שזכינו.

גלייך נאך ראש השנה האבן מיר אפגעשמועסט אז מיר דארפן נישט ווארטן ביז נעקסטע יאר חודש אלול, נאר פון יעצט וועלן מיר ביידע בעטן דעם אייבערשטן איינער פארן צווייטן צו זיין ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה תשפ"ד הבעל"ט בסייעתא דשמיא, אן קיין שום מניעות.

### אלי' פערל - קרית ברסלב געבט איבער

מען זעט אין די פרשה (בראשית) למך האט געשלאגן זיין קינד, און שפעטער האט ער אים גע'הרג'עט, דאס איז א לימוד פאר אונז אז דו שלאגסט דיין קינד דאס הרג'עט אים אוועק... און בדרך צחות האט ער צוגעלייגט, ווער שלאגט זיין קינד? ווער הרג'עט זיין קינד? נאר א לעמעך...



# קינדער אָפּטיילונג

## זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן - (ח"ב)

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין חֵיפָה אוּן דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן; לָאמִיר דֶערְצֵיילְן נָאךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

אוֹי וֵויי! דֶער אַרַאבֶּער אִיז שׁוֹין וַוייטֶער דָא! עֶר זוּכְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר פְרֶעגְט: "וואוּ אִיז דֶער רֶבִּי?!" עֶר לַאכְט אוּן עֶר זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ (דֶעם רֶבִּי'ן), אִיךְ וִויל אִים אַוֶועק גֶעבְּן מַיינֶע אֵייזְלֶען, אוֹיךְ גֶעבּ אִיךְ אִים אַוֶועק מַיין פֶערְד, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין קַיין טְבֶרְיָ', עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר."

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא אִיז דֶער אַרַאבֶּער גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, אוּן עֶר הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעלַאכְט צוּם רֶבִּי'ן.

דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן אַרַאבֶּער אִין חֵיפָה אִיז זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע גֶעשִׁיכְטֶע; וָואס הָאט דֶער אַרַאבֶּער גֶעוָואלְט פוּן רֶבִּי'ן...? אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר גֶעוָואלְט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן; מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דִי סוֹדוֹת פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מֶער יְסוּרִים פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם אַרַאבֶּער וִוי פוּן דִי פַיינְטְשַׁאפְט פוּנֶעם אַרַאבֶּער".



מַיין גוּטֶער חַבֶר, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַוֶועק מַיין פֶערְד

קִינְדֶער, מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן; וֶוען זֵיי קוּמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זֵיי וִוילְן זַיין אַ חַבֶר, זֵיי גֶעבְּן מַתָּנוֹת, זֵיי לַאכְן - זָאל מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי! עֶס אִיז מֶער סַכָּנָה וֶוען דֶער שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ וִוי אַ חַבֶר, וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט זִיךְ קְרִיגְן, מֶען דַארְף אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן טוּן עֲבֵירוֹת.

(דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען דָא אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן: "אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל דִיךְ קִיצְלֶען אוּנְטֶער דַיינֶע קְלֵיידֶער אָדֶער אוֹיף דִי קְלֵיידֶער אוֹיף פְּרִיוַואטֶע פְּלֶעצֶער, יֶענֶער מַאכְט זִיךְ פַאר אַ חַבֶר, עֶר זָאגְט דִיר עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּנֶעם אַרַאבֶּער וָואס הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הָאט לִיבּ דֶעם רֶבִּי'ן).

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

חי' היימליך תחי' פון קרית ברסלב פארציילט:
איך האב זייער שטארק געוואלט געדענקן צו זיך אנגערייטן און אפגיסן נעגל וואסער, און לייענען קריאת שמע ביינאכט.




# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:**

**נאך:**

## אביסל איבער אים

מען בעט אלע חשובע ליינערס זאלן אריינשיקן נאך וועם מען הייסט, נישט קיין חילוק וועלכע יארגאנג מען איז.

שיקט אריין א באלערנדע מעשה, און מיט דעם וועט איר מחי' זיין אלע חשובע ליינערס.

די נומער און אדרעס וואו אריינצושיקן קען מען זען ביים צווייטן עמוד פונעם בלעטל.

**געשריבן דורך:**

**אויפן בילד:**



# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער

**אין צריכין בלימוד רק האמירה, דער עיקר איז לערנען, זאגן די ווערטער פון תורה, אפילו אן פארשטיין.**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ר | ד | ס | ס | ג | ח | א | ח | צ | נ | ק | נ | ק | ז | ש | א | ו | ד | ח | ו | ג | ל | ק |
| י | פ | ש | ר | נ | ע | נ | ח | ת | י | א | כ | ת | ר | י | ר | י | ח | ה | ל | נ | ב | פ |
| י | א | ג | ז | ג | ת | כ | י | ב | ד | ו | ד | ק | ה | נ | ל | מ | נ | ג | כ | צ | צ | פ |
| ס | י | א | ב | ב | ב | ל | ע | י | ק | ר | צ | נ | ת | ד | ש | כ | ב | ש | ע | ה | ר | ד |
| נ | נ | כ | צ | פ | כ | ב | ע | א | ט | ס | ל | ט | ו | ת | ת | א | צ | א | ג | א | י | ח |
| ג | ק | ע | ב | ח | פ | ח | א | א | ו | ש | ת | ק | ו | פ | ה | ז | פ | ש | כ | ע | כ | י |
| ה | מ | ל | נ | ו | ו | ע | ר | ט | ע | ר | ר | ז | ב | ה | ג | ט | ל | י | פ | ל | י | ד |
| ק | ג | ק | י | ר | ד | ע | ר | ה | ל | ח | ב | א | נ | ר | ט | ת | ז | ס | ל | א | נ | ח |
| ס | ז | ט | ט | ס | ע | צ | ת | ו | ה | ס | ל | ק | פ | י | ב | ק | ש | ו | ת | ו | ק | נ |
| ש | ר | ת | נ | א | ס | ל | ז | א | ת | ה | י | ח | ל | מ | א | ק | י | ה | פ | ה | ד | ס |
| ב | מ | ס | א | ס | ז | ב | צ | א | ר | ו | מ | א | נ | א | י | ה | י | ק | ל | ז | ח | פ |
| נ | א | ר | י | ל | ה | ע | א | ו | ג | צ | ו | מ | ס | ה | ז | ס | צ | ע | ר | ר | ש | צ |
| כ | צ | ז | י | ע | ב | ס | ת | ד | ת | נ | ד | מ | פ | מ | י | כ | פ | כ | ש | ט | ג | ג |







**העלף נחמן נתן אנקומען צו די קאסטן וואס שרה אמנו ליגט באהאלטן**

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 5 | | 3 | | |
| | | | | 4 | 1 |
| | | | | | 2 |
| 3 | | | | | |
| 1 | | | 4 | | |
| 5 | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 3 | | 7 | | 9 | | |
| | 4 | 9 | 8 | | 6 | 2 | 1 | |
| 1 | 8 | | | | | | 4 | 3 |
| | 9 | | 3 | 8 | 7 | | 2 | |
| 3 | | | 6 | | 9 | | | 4 |
| | 6 | | 5 | 4 | 1 | | 7 | |
| 9 | 1 | | | | | | 8 | 2 |
| | 3 | 7 | 2 | | 8 | 4 | 9 | |
| | | 8 | | 9 | | 1 | | |




## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**מד.** עַל יְדֵי חֲלוֹמוֹת יֵדַע אָדָם אִם לִבּוֹ אֱמֶת עִם אֱלֹקָיו.

**טייטש.** דוּרְךְ זַיינֶע חֲלוֹמוֹת קֶען אַ מֶענְטְשׁ וְויסְן אוֹיבּ זַיין הַארְץ אִיז אֱמֶת׳דִיג מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.



## חידות
אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**

**צווישן מיר און משיח איז נישט דא קיין חילוק, נאר ביי מיר ______ און ביי משיח ______**

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **דער הייליגער רבי פנחס׳ל קאריצער זכותו יגן עלינו פלעגן אנרופן די ווינטער נעכט**

ענטפער: **די גאלדענע ווינטער נעכט**

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**פייגי בוים תחי׳ - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה ?

## פון אויבן אראפ.

1. די בעסטע קבלה לכבוד דעם נייעם יאר איז עוסק זיין אין _____

2. קינדער וואס ווייסן אז דער אייבערשטער איז דא, קיינער קען מיך גארנישט טון, ווערן נישט _____ פון גארנישט

4. דער אייבערשטער שטייט און _____ אויף יעדן איד

6. ווער עס פארזוכט פון רבינ'ס ספר, הויבט אן ווערן _____

8. נעם זיך פאר זיך מער אומקוקן אויף דיינע _____

10. לכבוד דעם נייעם יאר זאלט איר _____ נאר גוטס אויף זיך אליין

12. היט דיינע אויגן, ווארף אוועק אלע _____ וואס שלעפן דיך צום גיהנום

14. _____ איז אנגעהאנגען אין מדת השמחה

## פון רעכטס צו לינקס.

3. אז מען לערנט _____ ווערט מען נישט משוגע, מען ווערט א גרויסע צדיק

5. זינג און _____ אז מיר זענען מקרב צום רבי'ן

7. בלייב שטארק, גיי אן מיט דיין _____ וועג

9. די גרעסטע זאך וואס דו קענסט מיר העלפן, אז דו זאלסט נישט האבן קיין _____ צו קיינעם

11. האלט מיט זיך א משניות, אזוי וועסטו במשך דעם טאג אנקומען צו לערנען _____ פרקים משניות

13. שבת זאלסטו נאר זיין _____

15. גלייך אינדערפרי זאלסטו זיך _____ צום אייבערשטן



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער ארכיוון

## בילדער פון די צווייטע יאר ישיבה שנת תש"ע


מנחה אין ישיבה


ביים געבן א שיעור פאר די בחורים


אין א שמועס מיט די בחורים ביי לאנטש


ביים געבן א שיעור נאך ישיבה פאר די בחורים פון קרית יואל


שבת התוועדות אין לעיק האוז האטעל


דער ראש ישיבה טאנצט מוצאי שבת התוועדות מיט די וועבערמאן ברודערס

# בילדער
## אפטיילונג






די בחורים העלפן אוועקפאקן די סוכה אין ישיבה




מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו לערנט פאר דעם דף גמרא אין היכל הקודש בארא פארק - נח תשפ"ג




שחרית ראש חודש חשון אין היכל הקודש ירושלים




הערליך פרוכת לע"נ מוהרא"ש אין היכל הקודש ירושלים




סיום מסכת כתובות אין היכל הקודש ירושלים




עצתו אמונה פארברענג אין היכל הקודש בני ברק




כולל אווענט פאר די תומכי הכולל ביים ראש ישיבה אינדערהיים - ג׳ נח







דער ראש ישיבה באזוכט אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב - ב׳ נח







צווייטע סיום הש״ס פון הבחור שמעון פארקאש הי״ו אין ישיבה - ראש חודש חשון







מען שטעלט אויף די נייע ספרים סטאר אין שטעטל



קרעדיט: ברוך מרדכי פעקעטע



קרעדיט: ברוך מרדכי פעקעטע

לחיים / ווארט / תנאים פון החתן תלמיד הישיבה דוד ניישטיין נ"י עב"ג מו"ה מאיר דוד פאראקש הי"ו - ה' נח



קרעדיט: יוסי פרערויא

עצתו אמונה פארברענגען אין היכל הקודש לאנדאן



קרעדיט: אהרן יצחק אפעלדארפער

חדר פירן אין תלמוד תורה קרית ברסלב פון הילד בן מו"ה אהרן יצחק אפעלדארפער הי"ו



קרעדיט: איידיק ראטה



קרעדיט: איידיק ראטה

אבות ובנים אין היכל הקודש וויליאמסבורג



קרעדיט: נפתלי זאבעל

קאנסטרוקציע אנגעהויבן די וואך ביים ערשטן היכל הקודש ביהמ"ד אין קרית יואל



קרעדיט: נפתלי זאבעל

עצתו אמונה פארברענגען אין היכל הקודש 8 העיס קרית יואל - דינסטאג נח